בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## רֶעדְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

״הַ-א-לְ-ט ! בְּ-לַ-י-י-בְּ-ט אַ-לֶ-ע שְׁ-טֵ-י-י-ן ! אוֹיבּ גֵייט אִיר וַוייטֶער וֶועל אִיךְ אַייךְ אַלֶע שִׁיסְן !״ הָאט דֶער אַרַאבֶּער גֶעשְׁרִיגְן.

דֶער אַרַאבֶּער זִיצְט אוֹיפְן קֶעמְל מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערְד, עֶר זִיצְט בַּיים טוֹיעֶר פוּן אַלְט שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, עֶר בַּאוַואכְט דִי שְׁטָאט.

דִי גֶעזֶעץ אִיז גֶעוֶוען מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין בַּיינַאכְט פוּן דִי מוֹיעֶר פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אָבֶּער דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים - זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר סֵדֶר הַיּוֹם ; זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף חֲצוֹת, לוֹיפְן אִין מִקְוֶה, גֵייעֶן צוּם קֶבֶר פוּן שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אִין דִי וֶועלְדֶער אַרוּם יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער פָּאלִיצִיאַנְט שְׁרֵייט : ״וואוּ אִיז עֶנְקֶערֶע שְׁרִיפְטְן ? עֶנְקֶערֶע פַּאסְפָּארְטְן ? מֶען טָאר נִישְׁט זַיין בַּיינַאכְט אִין דְרוֹיסְן פוּן דִי מוֹיעֶר !״ דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים זָאגְן אִים : ״עֶס אִיז דָא אֵיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

רֶעדְן צוּ אִים אוּן בֶּענְקֶען צוּ אִים״, דֶער אַרַאבֶּער וֶוערְט זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן זָאגְט זֵיי : ״אוֹיבּ עֶנְק וֶועלְן מִיר נִישְׁט וַוייזְן דִי שְׁרִיפְטְן וֶועל אִיךְ עֶנְק

אַלֶע נֶעמֶען אִין תְּפִיסָה"; דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זָאגְן אִים נָאכְאַמָאל אוֹיף אַרַאבִּיש: "עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין תַּכְלִית, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; טוּט אַייךְ אוֹיס דִי פָּאלִיצֵייאִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן גֵייט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דֶער פָּאלִיצִיאַנְט רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן גֶעזֶעץ, אוּן זֵיי עֶנְטְפֶערְן אִים נָאר פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס מַאכְסְטוּ זִיךְ נַארִישׁ מִיט דִי שְׁוֶועֶרְד, מִיט דִי פָּאלִיצֵייאִישֶׁע קְלֵיידֶער? טוּ אַלֶעס אוֹיס אוּן גֵיי אִין וַואלְד זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין", בִּיז דֶער אַרַאבֶּער זָאגְט: "עֶנְק זֶענֶען מְשׁוּגָעִים, עֶנְק קֶענֶען גֵיין"; אַזוֹי זֶענֶען זֵיי בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן אוֹיסְגֶעפִירְט: "יֶעדֶע מָאל מֶען הָאט צוּטוּן מִיט אֵיינֶעם - זָאל מֶען נָאר רֶעדְן פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תַּכְלִית, אַז עֶס נָאר דָא אֵיין תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דָאס אִיז אַן עֵצָה צוּ וֶוערְן בַּאפְרֵייט פוּן אַלֶע צָרוֹת, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה - וֶוערְט לִיכְטִיג, אוּן אַלֶעס וֶוערְט גוּט.



**נלקח מתוך הספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 1-5-2-1 ,212-444-9191